UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Shmuel Vays – Akhtsik Yor Yung / Samuel Weiss – 80 Years Young

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/7kw2769d

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

Author
S. Nutkevitch, S. Nutkevitsh /

Publication Date
1978

Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ס. נאָטקעוויטש

# שמואל ווייס — אַכציק יאָר יונג

ווען איך וואָלט געדאַרפט אָנשרייבן נאָר איין זאַץ וועגן דעם בעל־יובל שמואל ווייס וואָלט איך געשריבן אַזוי: „דאָס וואָס שמואל ווייס פּריידיקט פאַר אַנדערע איז ער מקיים בשלימות אין זיין אייגענעם לעבן.“ אין אונדזער איצטיקער צייט איז דאָס אַ זעלטענער לויב פאַר אַ מענטשן. אָבער שמואל ווייס האָט דאָס כשר פאַרדינט, ווייל ער לעבט מיט פּרינציפּן פון זיבערער עטישער ריינקייט און זוכט ניט קיין קאָמפּראָמיסן מיטן לעבן. אין זיינע אַכציק יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק, האָט ער אָנגעזאַמלט אַ פיינעם סך־הכל פון אויפטואונגען, וואָס מיר אַלע און קודם כל פריינד ווייס אַליין מעג זיין שטאָלץ מיט זיי.

דאָס שטעטל פון וואַנען ער שטאַמט, פּלאָוו, ביי דער ווייסל אין פּוילן, איז אין דעם פאַר־מלחמהדיקן פּוילן געווען פאַררעכנט פאַר אַ יידישן קולטור־צענטער אין בעסטן זין פון וואָרט. אין דעם יזכור־בוך“ פון פּלאָוו, וואָס פריינד ווייס האָט רעדאַגירט אין ניו־יאָרק, איז דאָ אַ שלל מיט געשיכטלעכן מאַטעריאַל וועגן דעם לעבן אין פּלאָוו. ס'איז קוים צו גלייבן אַז אַזאַ קליינע עדה יידן, וואָס איז כסדר פאַרפּלאָגט געוואָרן, צוערשט פון די צאַרישע משרתים און שפּעטער פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן, זאָל האָבן אַנטוויקלט אַזאַ ברייט פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

געבוירן געוואָרן איז ער ביי אַן אָרעם־באַלעבאַטישע פאַמיליע און צו דרייצן יאָר האָט ער אָנגעהויבן לערנען און פאַרדינען ביים שניידער־פאַך. געחברט האָט ער זיך מיט די „דורשטיקע“ יוגנטלעכע, וואָס האָבן געלעכצט נאָך וויסן און בילדונג און אין די אָוונט־שעהען געלערנט אין דער געזעלשאַפט „ד ע ת,“ וואָס ער אַליין האָט געהאָלפן גרינדן. מיט אַ געוואַלטיקן בייגיר האָט ער געשלונגען ביכער, וואָס האָבן פאַר אים אויפגעעפנט נייע וועלטן און אים דערנענטערט צו דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג — אַ לעבנסוועג באַזירט אויף די שענסטע, איידלסטע און מענטשלעכסטע באַגריפן. דאָס איז געווען, זאָגט ער, די באַפליגלטע פרילינגס־צייט אין זיין לעבן, וואָס באַווירקט אים כסדר.

נאָך זייער יונג האָט ער מיט אַ גרופּע חברים רעדאַגירט אַ געשריבענעם וועכנטלעכן אָרגאַן: „שפּראָצונגען“, אַרויסגעגעבן פון דער געזעלשאַפט „דעת“ אין פּלאָוו. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט אין זיין צוקונפטיקער זשורנאַליסטישער טעטיקייט. קומענדיק קיין ניו־יאָרק, נאָך דעם ווי ער האָט אַ צייט געאַרבעט ווי אַ קוילן־גרעבער אין דייטשלאַנד, נאָכן באַזוכן אין די אָוונטן די קורסן פון יידישן לערער־סעמינאַר און אַרבעטנדיק בייטאָג אין שאַפּ און שפּעטער ווי אַ ביזנעס־אַגענט פון דעם קלאָוק־פינישערס לאָקאַל 9 האָט שמואל ווייס זיך ווידער גענומען צו זשורנאַליסטישער אַרבעט: אַרטיקלען איבער פּאָליטישע און אַרבעטער פראַגן אין זשורנאַלן און טאָג־צייטונגען; רעפּעראַטן ביי אַרבעטער און סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען; זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען אין דער „גערעכטיקייט“, וואָס ער האָט שפּעטער פאַר אַ געוויסער צייט רעדאַגירט, אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע“, „צוקונפט“,

(סוף אויף זייט 83)

---

ווען איר, אָבער עס וועט ניט זיין קיין אינטעגראַלער עלעמענט פון זייער א י ד, און זייער באַוווסטזיין. עס וועט זיי פעלן די טראַדיציע, די איבערלעבעניש, היינטער דעם באַריכט.

אַרום און אַרום האָבן די צען לעקציעס — צען לעקציעס אין צוואַנציק טעג — אַרומגענומען אַן עולם יונג און אַלט פון פאַרשיידענע ריכטונגען אין היגן יידישן ישוב.